אידיש

# נַפְשִׁי שׁוֹבֵב

מתוך שיעורי תורת הנפש ע"י הגה"צ ר' יהושע נתן פייפער שליט"א, אבד"ק ברכת מנחם

גליון י'

# יא, מען קען ארבעטן אויף די הרגשים

## תוכן הענינים:

**פארוואס קען זיין זייער שווער אויסצוארבעטן א מידה** - דערגיין פון וואו דער שוועריגקייט קומט - **ארבעטן אויף כעס ווען דער פראבלעם איז עצבות** - דאס קינד קען נישט די גמרא אדער ער האט מורא פונעם פארהער? - **קרח'ס נארישקייט איז געקומען פון א זייטיגע זאך** - פארוואס דער יונגערמאן קומט שפעט - **אין זיין מוח איז עס באצייכנט אלס "סכנה"** - פארוואס ווילסטו זיין אן עושר - **די תורה הייסט אונז ארבעטן אויף די הרגשים** - יעדער מענטש האט א כח זיך צו שטארקן אויף זיין נפש

## אויסרייסן א שווערע געוואוינהייט

מיר האבן שוין אויסגעשמועסט אין פריערדיגע גליונות דעם ענין פון אן **אומ'שכל'דיגע פחד**, פון א מענטש וואס האט מורא צו טון עפעס וואס יעדער איינער טוט, ווי למשל פארן אויף א בריק, כאטש ער ווייסט קלאר מיט'ן שכל אז **עס איז נישטא וואס צו מורא האבן דערפון**. וויפיל ער פרובירט זיך אריינצונעמען מחשבות אין קאפ צו באזיגן זיין פחד קען ער דאס נישט באזייטיגן. אבער דאס איז נישט דווקא שייך ביי אזעלכע ערנסטע פעלער.

אסאך מאל טרעפט זיך א מענטש מיט א שווערע נאטור, א געוואוינהייט וואס ער קען נישט אויסרייסן. צום ביישפיל, **א מענטש וואס איז א נוח לכעוס**, עס מאכט זיך אפט אז ער פאלט אריין אין כעס. מען רעדט נישט דא פון א בעל מדות מושחתות וואס וויל נישט אנערקענען אז ער האט א פראבלעם, נאר ווען א מענטש פארשטייט שוין אז עס איז א פראבלעם, און ער האלט זיך אין איין פארהאלטן היתכן דאס פאסירט. יעדעס מאל נאכדעם וואס ער פאלט אריין אין כעס עגבערט ער זיך און **ער זאגט זיך צו אז דאס וועט מער נישט פאסירן**. אבער מיט דעם פאלט ער דורך איינמאל און נאכאמאל.

דאס ערשטע איז צו וויסן אז עס עקזיסטירן באהאלטענע כוחות און רצונות וואס ליגן באגראבן אינעם מענטש, און **ער קען עס נישט קאנטראלירן מיט די בלויזע שכל**, ווייל דאס איז אסאך טיפער ווי דער מענטשליכער פארשטאנד. עס איז עפעס וואס איז אנגעוואנדן אין זיין נפש זעלבסט.

## די ווייטאג וועט סייווי ארויסקומען

עס קען זיך דאכטן, וואס איז א חילוק פארוואס דער מענטש פאלט אריין אין כעס? **סוף פסוק האט ער א נסיון פון כעס וואס ער דארף באהערשן**. צו איז דען א נפקא מינה פון וועלכער געפיל עס שטאמט?

דער מציאות איז אז אויב איינער וועט פרובירן צו באקעמפן זיינע נסיונות מיט דעם נישט ריכטיגן צוגאנג, וועט ער נישט מצליח זיין, און **צום סוף וועט ער אינגאנצן אויפגעבן**. עס קען זיין אז דער מענטש וואס רעגט זיך כסדר אויף, ליידט בכלל נישט בשורשו פון כעס. עס קען זיין אז **די כעס קומט פון א טיפע ווייטאג אז ער איז נישט מצליח אין זיין פרנסה**, און דערפאר קומט דער ווייטאג כסדר ארויס אויף אן אופן פון כעס.

אין אזא פאל, אויב דער מענטש וועט פרובירן צו באקעמפן די מידה פון כעס, וועט עס **גארנישט** אויפטון. אפילו אויב ער וועט יא מצליח זיין אויסצורייסן די כעס, וועט **דער זעלבער ווייטאג** ארויסקומען אויף אן אנדער אופן, דורך עצבות וכדומה. מיט'ן אוועקבלאזן דעם רויער, ווערט נאכנישט די פייער פארלאשן.

## ער קען נישט אדער ער האט מורא?

עס מאכט זיך אפט אז א קינד קומט אהיים פון חדר. ער האט אנגעהויבן לערנען גמרא, און ער איז זייער נישט צופרידן: **"איך קען נישט קיין גמרא. גמרא איז נישט פאר מיר"**. אדער א מיידל קומט אהיים: **"איך קען נישט קיין מאטעמאטיק, ס'איז נישט פאר מיר"**.

האט דאס קינד טאקע נישט קיין מעגליכקייט צו פארשטיין די גמרא? אוודאי יא! נאר ער האט זיך אויסגעלערנט אזוי צו זאגן צוליב עפעס א באהאלטענע כח אין זיין נפש. **דאס קינד האט נישט קיין פראבלעם מיט גמרא; דאס קינד האט א פראבלעם מיט'ן פארהער.** ער ווייסט אז סוף וואך גייט דער מנהל קומען פארהערן, און ער טראכט צו זיך: **"אויב איך גיי דורכגיין דעם פארהער, און אפשר וועל איך נישט קענען – וועל איך ווערן פארשעמט, און מיינע עלטערן וועלן נישט זיין צופרידן".** ממילא האב איך מורא איינצושטעלן, און עס איז גרינגער צו זאגן: **"גמרא איז נישט פאר מיר."**

און דו קענסט אים דערציילן ווי וויכטיג גמרא איז, און אז אן דעם וועט ער שפעטער נישט קענען מצליח זיין אין ישיבה – עס וועט גארנישט העלפן; **ער הערט דיך פשוט נישט.** ווייל אסאך מאל, ווען א מענטש זאגט "איך קען נישט" מיינט עס באמת "איך האב מורא צו פרובירן און געוואויר ווערן אז איך קען נישט..."

פרובירט בעסער א צווייטע צוגאנג, לערן מיט אים גמרא אינדערהיים אין די פרייע צייט, **א מסכתא וואס האט נישט קיין שום שייכות מיט חדר** און ער וועט זיך קיינמאל נישט דארפן פארהערן דערויף אדער אפגעבן דין וחשבון. פלוצלינג וועט עס גיין, מיטאמאל וועט נישט זיין קיין פראבלעם. ווייל **די פראבלעם איז קיינמאל נישט געווען די גמרא;** די פראבלעם איז געווען עפעס אנדערש אינגאנצן.

## די נארישקייט פון קרח

מיר אלע קענען די מעשה פון קרח. קרח שטעלט זיך אוועק און שרייט: "לא ה' שלחו"! דער אייבערשטער האט נישט געשיקט משה רבינו'ן. משה רבינו פרובירט זיך איינצובעטן ביי אים, אבער עס העלפט נישט גארנישט. ביים ענדע האט ער א ביטערן סוף, ווען ער און זיין גאנצן עדה זינקען איין אין דער ערד.

פרעגט רש"י: וקרח שפיקח היה מה ראה לשטות זה? - קרח איז דאך געווען א קלוגער, פארוואס איז ער באגאנגען אזא נארישקייט?

יעדער וואס לערנט די רש"י דארף זיך אפשטעלן און זיך וואונדערן. וואס הייסט "מה ראה לשטות זה"? ער האט דאך קלאר געזאגט "לא ה' שלחו", **ער האט געלייקנט ר"ל אז משה רבינו איז א נביא אמת.** וואס קען מען שוין ערווארטן פון איינעם וואס גלייבט נישט אז משה רבינו האט גערעדט צום אויבערשטן אליין?

אבער רש"י מיינט דא עפעס טיפערס.

## דער טעות האט פארפירט קרח

לאמיר זיך אוועקזעצן מיט קרח'ן און אים מסביר זיין: **"ווי אזוי קענסטו זאגן אזא זאך?** משה רבינו האט באוויזן אלע אותות ומופתים, ער האט געברענגט אלע מכות אויף די מצריים, ער האט געשפאלטן דעם ים, ער האט אונז אראפגעברענגט דעם מן און דעם שליו – **אלעס האט ער געטון. און דו זאגסט אז דער אויבערשטער האט אים נישט געשיקט?!"**

אט דאס איז וואס מוטשעט רש"י. הא גופא קשיא, **ווי אזוי איז מעגליך אז דער קלוגער קרח זאל אנהייבן רעדן אזעלכע שטותים אז משה רבינו איז נישט קיין אמת'ער נביא,** נאכדעם וואס זיי האבן שוין מיטגעהאלטן אויף טריט און שריט ווי משה רבינו האט זיי געראטעוועט ממות לחיים ומאפילה לאור גדול. קען דען זיין אז א קלוגער מענטש זאל אנהייבן פרעגן אזעלכע **נארישע שאלות** ווי "טלית שכולה תכלת"?

ענטפערט רש"י: אמת, ס'מאכט טאקע נישט קיין סענס. נאר זאלסט וויסן אז אינעווייניג ליגט א גאנץ אנדערע זאך – **"עיניו הטעתו".** ער האט געזען אז עס וועלן ארויסקומען גדולי ישראל פון אים, האט ער געהאלטן אז ער מעג זיך פארמעסטן מיט משה רבינו און ער דארף נישט מורא האבן. און **דערפאר האט ער זיך ארויסגעלאזט אויף אזא געפארפולע מיסיע.**

## די אמת'ע טענה פון קרח

דאס הייסט אזוי: דו קענסט קומען צו קרח'ן און אים מסביר זיין וואס הייסט א שליח פונעם אויבערשטן, דו קענסט אים אויפווייזן מיט די גרעסטע ראיות ברורות אז משה רבינו איז א נביא, און אז די שכינה מדברת מתוך גרונו – אלעס פיין און וואויל. אבער **ווילאנג די גאוה איז נישט אנגערירט געווארן, וועט גארנישט ארבעטן.**

ווילאנג קרח רעדט זיך איין אז **"מען קען מיך נישט צורירן",** ווייל פון אים גייט ארויסקומען שמואל הנביא, וועט ער רעדן יעדן סארט שטות אין דער וועלט - און ער וועט עס אפילו גלייבן. די איינציגסטע וועג פאר קרח צו קומען צום אמת וואלט געווען **צו צוברעכן זיין גאוה,** און דאס האט ער ליידער נישט באוויזן.

ווען איינער זאל צוגיין צו קרח און אים פרעגן, **"וואס איז דיין טענה אויף משה רבינו?"** וואלט ער אויסגערעכנט א גאנצע ליסטע, און אלעס וואלט געשטימט. משה רבינו האט גענומען צופיל פאר זיך, יעצט קומט זיך די רייע פאר אים, ער איז דער זיידע פון שמואל הנביא, און אזוי ווייטער און ווייטער. איין זאך וואלט ער נישט געענטפערט: **"איך בין א בעל גאוה און איך בין מקנא אז אליצפן בן עוזיאל איז געווארן נשיא און נישט איך."**

## ער האלט אין איין פארשפעטיגן

עס איז געווען א יונגערמאן וואס איז יעדע וואך שבת אינדערפרי געקומען שפעט צום דאווענען. אין א גוטע וואך האט ער זיך נאך מיטגעכאפט ביי נשמת. דער רב אין בית המדרש האלט עס מיט און ער קלערט צו זיך, **ער איז דאך אן ערנסטער יונגערמאן, א ירא שמים,** וואס איז פשט אז ער קומט נישט באצייטנס צום דאווענען?

איין טאג נאכ'ן דאווענען איז אריבערגעגאנגען צו אים דער רב און האט געכאפט מיט אים א שמועס וועגן קומען באצייטנס צום דאווענען. דער יונגערמאן ציט מיט די פלייצע. **"איך קען מיך עפעס נישט צוזאמענעמען".** "קענסט נישט אויפשטיין?" "ניין, איך בין גראדע אויף גאנץ פרי. א גאנצע וואך דאוון איך פרי, נאר **שבת גייט עס עפעס נישט...** איך ווייס נישט. איך נעם איין קאווע, נאך א קאווע... עפעס פארשלעפט זיך עס יעדע וואך..." **ער ווייסט נישט וואס צו זאגן, אבער ער קען נישט קומען פרי.**

הייבט דער רב אן רעדן צו אים דברי חיזוק און מוסר: "מ'דארף האבן **זריזות,** מ'דארף וויסן פאר וועמען מ'שטייט ביים דאווענען. דער אויבערשטער איז אזוי גוט צו דיר, און **א געכיפערט דאווענען**

**איז דאך נישט קיין דאווענען**, און דער אויבערשטער איז מתאוה לתפילתן של צדיקים..."

אזוי רעדט דער רב א גאנצע דרשה, און מען זעט אז דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב. דער יונגערמאן שטימט צו און ער זאגט אז טאקע, ער גייט אנהייבן קומען באצייטנס צום דאווענען. **עס קומט די נעקסטע וואך שבת, און אודך, דער איד שפאצירט אריין ביי קל אדון.**

מ'האט געקענט רעדן צו דעם איד וואכן לאנג וועגן זריזות און וועגן דעם כח התפילה – עס האט גארנישט העלפן. ווייל דער מענטש אליין האט נישט פארוואס ער קומט שפעט. אבער נאך אפאר ריכטיגע שמועסן – ווען מ'האט נישט גערעדט צו אים, נאר צו **יענעם באהאלטענעם חלק אין אים** – האט זיך ארויסגעשטעלט אן אינטערעסאנטע זאך.

## קומען פרי שבת איז א "סכנה"

דער יונגערמאן איז אמאל געווען א בחור'ל. איין שבת אינדערפרי איז ער אנגעקומען צופרי אין א בית המדרש נעבן זיין שטוב. יענעם פרייטאג צונאכטס איז דארט געווען א שלום זכר, און מ'האט נאך נישט אויפגערוימט. איז געשטאנען דער רב און האט אליין אפגערוימט די טישן, און ווי ער דערזעט דעם בחור רופט ער אים: **"בחור'ל, קום נאר, העלף מיר אביסל רוקן די טישן, לאמיר מסדר זיין דעם בית המדרש"**.

אזוי האט זיך דאס איבערגע'חזר'ט איינמאל און נאכאמאל, ביז עס איז געווארן **אן אפיציעלע זאך אז דער בחור'ל רוימט אויף דעם בית המדרש שבת צופרי** אויב עס איז געווען א שלום זכר. דער בחור האט נישט געהאלטן דערביי – אבער ניין זאגן פאר'ן רב קען מען דאך אויך נישט – **האט ער עס געטון געצוואונגענערהייט**. מיט דער צייט האט ער אנגעהויבן קומען שפעט אין בית המדרש, אזוי האט ער זיך ארויסגעדרייט פון דארפן מסדר זיין די טישן פאר'ן דאווענען שבת צופרי.

פון דעמאלטס האט זיך אים איינגעזעצט אין מוח: קומען פרי אין בית המדרש שבת צום דאווענען איז א "**סכנה**". די מעשה אליין האט ער שוין לאנג פארגעסן. אבער זיין מוח האט נישט פארגעסן, און זיין מוח "**באשיצט**" אים: **"פרי גייסטו נישט אריין אין בית המדרש!"**

איז וואס דארף מען דא? **נישט ארבעטן אויף זריזות**. מ'דארף אים מסביר זיין: זאלסט וויסן אז דא רעדט דיין מוח פון אלס יונג בחור'ל. **ס'איז טאקע דעמאלטס געווען אביסל אומבא'טעמ'ט** אז מען האט דיך אויסגענוצט אלס דער שמש פון בית המדרש – אבער נישט יעדער רב הייסט שלעפן טישן, און אויב מ'שלעפט אמאל א טיש איז אויך נישט געפערליך. **דאס איז שוין אן אנדער שמועס אינגאנצן.**

## לאז זיך נישט פירן בלינדערהייט

די ספרים הקדושים רעדן פון די וויכטיגקייט פון לעבן מיט "התבוננות". וואס מיינט דאס? התבוננות באדייט אז **מען לאזט זיך נישט פירן פון די הרגשים בלינדערהייט אין וואנט אריין**, נאר מען איז זיך מתבונן און מען טראכט אריין וואס ברענגט מיך זיך אויפצופירן אזוי. אויב מען לעבט אן התבוננות, איז זייער שווער צו זיין צופרידן, ווייל מען ווייסט אליין נישט וואס מען וויל.

מען קומט נישט זאגן אז יעדער רגע פון טאג דארף מען איבערטראכטן וואס מען האט געטון און פארוואס מען האט עס געטון, ווייל **דאס אליין קומט פון א פחד אז אפשר גייט מען נישט טון די ריכטיגע זאך...**

מיר רעדן דא פון די וויכטיגערע זאכן אין לעבן, פון די גרעסערע זאכן וואס א מענטש וויל דורכפירן. ווען מיר וואלטן געקענט רעדן צו קרח פאר איין מינוט, וואס וואלטן מיר אים געזאגט? דו גייסט טון אזא דראסטישע שריט, דו גייסט חולק זיין אויפ'ן מנהיג ישראל, **טראכט דיך גוט איבער אויב דיינע כוונות זענען טאקע אזוי ריין**, אדער דו האסט דא עפעס א זייטיגע סיבה וואס ברענגט דיך אויפצוקומען מיט די אלע טענות קעגן משה רבינו.

## פארוואס ער וויל זיין אן עושר

מען זעט כסדר אז א מענטש זוכט און זוכט עפעס און ער איז נישט צופרידן. ער וויל זיין אן עושר, ער ארבעט שווער און ענדליך איז אים געלונגען צו ווערן א "**הרבני הנגיד**". אבער ער איז ווייטער נישט צופרידן. ער בויט זיך א הערליכע הויז וואס די גאנצע שטאט רעדט דערפון, אבער נאך צוויי וואכן איז עס מער נישט אינטערעסאנט. אזוי ארבעט ער פון אלע פראנטן, אבער **עפעס קיינמאל איז ער נישט מצליח צו טרעפן זיין אמת'ע צופרידנהייט.**

לאמיר נישט יעצט אריינגיין אין דעם מציאות אז גשמיות קען נישט צופרידנשטעלן דעם מענטש, ווייל דאס איז א באזונדערע שמועס, לאמיר בלויז פארשטיין וואס דער מענטש וויל בכלל. ווייל **אויב א מענטש ווייסט נישט וואס ער וויל**, וועט אפילו א רוחניות'דיגע ציל אים אויך נישט צופרידנשטעלן.

דער יונגערמאן וואס וויל ווערן אן עושר, האט ער אמאל אריינגעטראכט פארוואס ער וויל עס? איז עס ווייל ער וויל זיך שפירן פארזיכערט אז ער **האט גענוג פרנסה פאר זיין משפחה?** אדער אפשר קען גאר זיין אז **זיין גאנצע ציל איז בלויז צו באקומען כבוד פון מענטשן**, און אפילו ער וועט האבן געלט וועט דאס גארנישט אויפטון, ווייל זיין ציל איז נישט געווען די געלט, נאר די כבוד.

ווען ער בויט זיך א שיינע הויז, איז עס ווייל **ער וויל לעבן ברחבות מיט הרחבת הדעת**, אדער אפשר איז עס ווייל ער וויל אז **די גאנצע שטאט זאל שמועסן דערפון**? אויב דער דעת הקהל איז זיין ציל, וועט ער זייער שנעל ווערן אנטוישט זעענדיג אז **אפילו די שענסטע הויז ווערט פארוואנדלט אין "אלטע נייעס"** ביז א קורצע צייט.

## מ'קען יא טווישן די הרגשים

א מענטש איז צוגעוואוינט צו טון זאכן מיט זיין שכל. אבער מיר דארפן **ארבעטן זייער שטארק** צו פארשטיין אונזערע הרגשים: זיי צו קענען, צו וויסן פון וואו זיי קומען, זיי צו וויסן אפצוטייטשן, און בעיקר, צו **וויסן וויאזוי מ'טוישט זיי.**

אין דער תורה הקדושה זענען דא אסאך מצוות מעשיות, און פארשטייט זיך אז די ריכטיגע וועג צו מקיים זיין די מצוות מעשיות איז אויך מיט'ן מוח, די פנימיות הנפש זאל זיין דערביי – אבער ס'איז אויך דא מצוות וואס מ'דארף טון **בלויז** מיט די הרגשים. און דאס אליין זאגט אונז א געוואלדיגע זאך: **א מענטש קען טוישן זיינע הרגשים!**

צום ביישפיל, א מענטש וואס איז **פאראנויד**, אז ווען ער זעט צוויי אידן שמועסן איז ער זיכער אז מ'רעדט

פון אים; א מענטש וואס האט **מורא** אריינצוגיין אין אן עלעוועיטער; א מענטש וואס ווערט **צוקלאפט** ווען איינער לאזט ארויס א ווארט; א מענטש וואס פילט זיך **עלנד און אליין** און נישט אנגענומען און נישט צוגעבונדן צו קיינעם – **קען ער זיך טוישן?** יא. **ס'איז זייער שווער, אבער מ'קען.**

והראיה: די תורה באפעלט אונז: **"ואהבת את ה' אלקיך"**. ווי אזוי קען מען הייסן א מענטש עפעס ליב האבן? **ליב האבן איז דאך א הרגש!** מען קען אים הייסן וואס ער זאל טון – אבער ווי אזוי קען מען אים הייסן ווי אזוי צו פילן? פון דעם אליין זעט מען אז ס'איז דא א וועג צו ארבעטן, און מ'קען יא טוישן די הרגשים.

"לא תשנא את אחיך בלבבך" – די תורה זאגט מיר: זעץ זיך אראפ און ארבעט אויף דיין נפש **נישט צו פיינט האבן א צווייטן איד**. דאס איז נישט קיין מצוה מעשית, נאר **א מצוה אין הארץ**. דיין חבר האט דיר זייער וויי געטון – און יעצט האסטו אן אויפגאבע, א מצוה צו מקיים זיין. וואס זאל איך טון? זאל איך אים קויפן א מתנה? ניין. אין הארץ דארף איך ארבעטן. נישט אויבנאויף; נישט **מ'האט זיך געטראפן ביי א חתונה און געגעבן מזל טוב** און דערמיט איז שוין שלום. עס דארף זיין אמת אין הארצן: **"בלבבך"**.

די סאמע יסודות פון די תורה הקדושה זענען אנגעוואנדן אין די אינערליכע געפילן: **"ואהבת לרעך כמוך"**. האב ליב א צווייטן איד. **"לא תחמוד"** – דו זאלסט נישט גלוסטן. טייערע אידן, ווי אזוי קען מען דאס באפעלן? אז איך גיי ארויס אין גאס און איך זע איינער האט א הערליכע הויז בשעת **איך מוטשע מיך אויף ברויט**, ווי אזוי קען איך נישט גלוסטן?

און לאמיר נישט רעדן אפילו פון גשמיות - אז איך זע א איד וואס האט קינדער וואס זענען אלע געלונגען, גוט אוועקגעשטעלט, גוטע שידוכים געטון, זיי זענען מסודר מיט פרנסות און מכובד'יגע שטעלעס. ווידער איך מוטשע מיך אויף טריט און שריט מיט צער גידול בנים, און **ביז איך זע עפעס נחת קאסט עס מיר בלוט און שווייס און טרערן**. ווי אזוי קען איך אים דען נישט מקנא זיין? זאגט אונז די תורה: "לא תחמוד" – **ארבעט אין דיין הארץ** אים נישט צו מקנא זיין.

## שש מצוות תמידיות

דער משנה ברורה ברענגט אראפ אין ביאור הלכה גלייך אין אנהייב סימן א' פון ספר החינוך, אז ס'זענען דא שש מצוות תמידיות וואס א מענטש קען מקיים זיין א גאנצן טאג. ער גייט אין גאס, ער פארט אויף אן עראפלאן, **בכל עת ובכל שעה קען ער מקיים זיין אט די זעקס מצוות**.

אז מען ווערט נאכקוקן וועט מען זען אז אלע שש מצוות תמידיות זענען מצוות אין די פנימיות פונעם מענטש, וואס האבן בעיקר צו טון מיט זיינע הרגשים. צו **גלייבן** אז ס'איז נאר דא איין באשעפער, צו **מורא** האבן פאר'ן אויבערשטן, **ליב** האבן דעם אויבערשטן, שלא נתור אחר מחשבות הלב וראיית העינים – נישט נאכגיין נאכ'ן **הארץ** און נאך די **אויגן**, ס'זאל נישט אוועקשלעפן דעם מענטש. דאס זענען אלעס אין פנימיות הנפש פונעם מענטש.

די מצוות וואס מ'קען טון אלעמאל און אומעטום – זענען אלע אין די הרגשים. דאס איז א קלארע ראי' אז **מ'קען ארבעטן אויף די הרגשים**, און נישט נאר וואס מען קען, נאר עס איז א חיוב צו ארבעטן אויף די הרגשים. איינמאל א מענטש איז זיך מתבונן און ער טראכט אריין אז **דער הרגש איז קעגן די תורה**, האט ער דעם כח זיך צו מתגבר זיין דערויף און טוישן זיין אינערליכע סיסטעם פון טראכטן.

די סיבה פארוואס מען קלערט אז מען קען נישט ארבעטן אויף די הרגשים, איז ווייל אפטמאל ארבעטן מיר אויף די אומריכטיגע הרגשים. דער מענטש ארבעט אויף זיך נישט צו ווערן **אויפגערעגט**, און באמת לייד ער פון **עצבות**. ער פרובירט צו אויסארבעטן זיין מידת **ההסתפקות**, אבער באמת לייד ער אויף **קנאה**. ער ארבעט אויף **עצלות**, אבער באמת לייד ער פון **פחד**.

אז מען אנערקענט ריכטיג וואס איז די **אמת'ע גורם פאר דעם מענטשנ'ס שוועריגקייטן**, עפנט זיך א נייע וועלט. מען קען ריכטיג אדרעסירן דעם פראבלעם און זיך אויסארבעטן דערין, סיי **במחשבה**, אין קאפ, און סיי מיט **מעשים**, ווי מיר וועלן בעז"ה נאך אויסשמועסן. דאס וויכטיגסטע איז צו געדענקען אז ווען מען האנדלט מיט סיי וועלכע אומגינסטיגע מידה, איז נישט די עצה צו דערשטיקן דעם אויפפירונג, נאר אריינצוטראכטן און פארשטיין וואס איז דער גורם דערצו, און עס אדרעסירן ביים שורש.

## משיבת נפש

**נקודות העולות מן המבואר:**

- **אז מען ארבעט אויף די נישט ריכטיגע הרגשים קען מען נישט מצליח זיין.**
- א מענטש ווייסט נישט שטענדיג וואס איז זיין פנימית'דיגע רצון.
- **ווען מען ווייסט נישט וואס מען וויל, קען מען נישט זיין צופרידן.**
- כעס קען קומען פון ווייטאג, עצלות קען קומען פון פחד, און אזוי ווייטער.
- **די תורה באפעלט אונז צו ארבעטן אויף אונזערע הרגשים.**
- די שש מצוות תמידיות זענען אנגעוואנדן אין דעם פנימיות הנפש.
- **אז מען ווייסט אז א געפיל איז נישט אויסגעהאלטן, האט מען דעם כח צו עס צו טוישן.**

נפשי ישובב
מסילות בנפש האדם

לקבלת הגליון והשיעורים, להערות והנצחות נא לפנות לכתובת מייל
office@nafshyyeshoveiv.org
קו השיעורים 718-400-7566 - בארץ ישראל: 077-850-9310



OREGRAPH